# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Moyshe Sharkmans Geklibene Shriftn/ Moshe Starkman’s Collected Writings

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/0497m7k8

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

### Author
Isaac Yonasovich, Yizkhok Yonasovitsh/

### Publication Date
1980

### Copyright Information
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# שרייבערס און ביכער

יצחק יאַנאַסאָוויטש / ישראל

## משה שטאַרקמאַנס געקליבענע שריפטן

דער טערמין „אינטעגראַלע ייִדישקייט" איז אויפגעקומען און איז שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. געשאַפן דעם דאָזיקן דערמין האָט אַן אַרגענטינער ייִד, דער תלמיד חכם צבי שוואַרץ ע"ה, אָבער אַנטוויקלט און אָנגעפילט אים מיט אינהאַלט האָבן די שרייבערס און דענקערס: ש. ניגער, לייבוש לעהרער, אברהם מענעס, אברהם גאָלאָמב, ישראל עפרויקין, ד"ר שלמה סיימאָן און נאָך אַ ריי אַנדערע בעלי מחשבה וואָס האָבן עפּעס געלערנט פון די געשעענישן אין זייער צייט און האָבן געזוכט נייע וועגן וואָס אויף זיי זאָל ישראל סבא קענען ווייטער גיין זיין ביז איצטיקן געשיכטלעכן גאַנג.

וואָס האָט געמיינט און וואָס מיינט דער באַגריף „אינטעגראַלע ייִדישקייט"? בתכלית הקיצור קאָן מען דערויף ענטפערן אַז דאָס האָט געמיינט (און מיינט עד היום) אַ ייִדישקייט אין וועלכער עס זאָלן אינטעגרירט ווערן אַלע גייסט־עניינים וואָס ייִדן האָבן געשאַפן פון דעם העטוויטן אַמאָל ביז צו אונדזערע טעג. מיט אַנדערע ווערטער: אַ ייִדישקייט אין וועלכער עס זאָלן זיך האַרמאָניש צונויפלעבן די עטישקייט פון תנ"ך מיט דער לעבנסחכמה פון תלמוד, דער פילאָסאָפישער ראַציאָנאַליזם פון רמב"ם מיט דער מיסטיש־סימבאָלישן משיח־רעיון פון זוהר, די פּאָזיטיווע עלעמענטן פון דער השכלה מיט דער האַרציקער וועלט־פרייד פון חסידות, העברעיש און ייִדיש, שיבת ציון און קאַמף פאַר ייִדישער רעכט אין גלות, רעליגיאָזיטעט און טאָלעראַנץ, טראַדיציע און וועלטלעכקייט, ציוניזם און סאָציאַליזם און אַזוי ווייטער און ווייטער.

פאַרשטייט זיך אַז יעדער פון די דערמאָנטע שרייבערס און דענקערס האָט אין דער שיטה וואָס מיר רופן אָן „אינטעגראַלע ייִדישקייט" אונטערגעשטראָכן אַנדערע אַקצענטן און באַטאָנט אַנדערע ווערטן. דאָס וואָס איז אָבער געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שיטה אַלס גאַנצע, איז דער פאַקט וואָס זי האָט אַרויסגעהויבן די מצוות עשה אין ייִדישקייט און האָט אין אַלע אונדזערע גייסט־ריכטונגען געזוכט, קודם־כל, דאָס פּאָזיטיווע און ווערטיקע פאַרן ווייטערדיקן פאָלקסלעבן. ס'האָט זיך דעריבער באַקומען אַז די אָנהענגער און פרײַדיקער פון דער דאָזיקער שיטה זענען געווען אַביסל אַפּאָלאָגעטיש אונזייער קריטעריע איז געוואָרן דאָס וואָס מען האָט שפּעטער גענומען איראָניש רופן: אהבת ישראל!

אין דעם זין און אין דעם גייסט איז דער שרייבער און פאָרשער משה שטאַרקמאַן ז"ל געווען אַן אינטעגראַלער ייִד און ער האָט שרייבעריש אַקטיוו געקעמפט פאַר אַן אינטעגראַלער ייִדישקייט, אַ ייִדישקייט אין וועלכער עס זאָלן איינגעשלאָסן ווערן די אוצרות און די ווערטן וואָס אונדזער פאָלק האָט געשאַפן סיי אין העברעיש־אַראַמיש און סיי אין ייִדיש.

ס'זענען נישט נייטיק קיין סך ראיות כדי צו דערווייזן אַז משה שטאַרקמאַן איז געווען, ווי איך האָב אַקאָרשט געזאָגט, אַן אינטעגראַלער ייִד, וואָרים ווי מיר אַלע ווייסן פון זיין ביאָגראַפיע, ווי אויך פון זיין שאַפן, איז ער געווען טעטיק אין ביידע אונדזערע ייִדישע לשונות און האָט דעריבער ביידע שפּראַכן שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט דערביי ליב געהאַט ניט בלויז די שפּראַכן, נאָר אויך די קולטור און די באַזונדערע ווערטן וואָס זענען אין

זיי געשאַפֿן געוואָרן. ער איז געווען אַ היפּשער קענער פֿון אונדזער אַלטער און נייער קולטור; איז מיט פֿאַרגעניגן געשווימען אין די וואַסערן פֿון דער רעליגיעזער ירושה, ווי אויך אין דער וועלטלעכער ליטעראַרישער שאַפֿונג און האָט צו זיי ביידן געהאַט אַן ערנסטע און אינטימע באַציונג. באַזונדערס וויכטיק איז אָבער פֿאַר אונדז דער פֿאַקט וואָס ער איז נישט בלויז געווען קיין פּאַסיווער געניסער פֿון דער אַלטער און נייער יידישקייט, נאָר ער איז בפירוש געווען אַ פֿרייַדיקער פֿון זייער סינטעז און המשך. ער האָט אין אַ ריי מאמרים זיינע גערופֿן מען זאָל זיך באַציען צו זיי ביידן בכבוד ראש און זען אין זייער מזיגה די אַקטועלע אויפֿגאַבע פֿאַרן יידישן לעבן.

* * * * *

מיט איין וואָרט: משה שטאַרקמאַן האָט ווי אַ סך פֿון אונדזערע מיטצייטלערישע גייסט־מענטשן, דערהויפּט אין די תּפֿוצות, געזען דעם ווייטערגאַנג פֿון יידישן לעבן אין נעמען אויף זיך דעם עול און מקיים זיין די מצוות פֿון דער אינטעגראַלער יידישקייט, אין אַ יידישקייט וואָס זאָגט יאָ צו אַלע פּאָזיטיווע עלעמענטן און ווערטן אין דער קולטור אונדזערער וואָס איז דורכן פֿאָלק אָפּגעשפּאָרט געוואָרן ביז איצט, ווי אויך אין דער קולטור וואָס דאַרף דורכן פֿאָלק געשאַפֿן ווערן אויפֿן ווייטערדיקן וועג פֿון זיין אָנגייענדיקן עקזיסטענץ־קאַמף.

ווי די צוזאַמענשטעלער פֿון משה שטאַרקמאַנס בוך „געקליבענע שריפֿטן" *) האָבן אָנגעמערקט אין זייער קורצן אַריינפֿיר־וואָרט זענען אין דעם דאָזיקן בוך נישט פֿאַרטרעטן אַלע וואָרט־געביטן אויף וועלכע דער מחבר איז געווען טעטיק ביי זיין לעבן. אַ גאַנצע ריי תּחומים פֿון זיין שאַפֿן זענען אין דער דאָזיקער זאַמלונג אויסגעלאָזט געוואָרן און מען מען קאָן זאָגן אַז דווקא די דאָזיקע אויסגעלאָזענע תּחומים פֿון זיין שאַפֿן זענען געווען די מער כאַראַקטעריסטישע פֿון שטאַרקמאַנס באַציונג צו דער אינטעגראַלער יידישקייט וועגן וועלכער מיר האָבן פֿריער גערעדט.

שטאַרקמאַן איז געווען אַ שרייבער און אַ היסטאָריקער, אַ שרייבער און אַ פֿאָרשער. די געביטן פֿון זיין שעפֿערישער אַקטיוויטעט און גייסטיקער פֿאַרינטערעסירונג זענען געווען זייער ברייטע און זיי האָבן אַרומגענומען נישט בלויז ליטעראַטור־קריטיק און פֿאָרשונג אויפֿן שטח פֿון דער געשיכטע פֿון יידישן וואָרט, נייערט אויך פּובליציסטיק פֿון אַ באַזונדערן מין. ער האָט, למשל, זייער אַ סך געשריבן וועגן יידישע ימים־טובים און זייער אינהאַלטלעכן באַדייט פֿאַר דעם יידישן לעבן. דאָס שרייבן וועגן די ימים טובים, וועגן די דאָזיקע וויכטיקע שטיץ־פּונקטן פֿון דער טראַדיציע, האָט אים געגעבן די געלעגנהייט צו ווייזן וויפֿל אַקטועלן אינהאַלט מיר קענען אַריינלייגן אין דער אַלטער מסורה און אויף וויפֿל די אַלטע מסורה קאָן רעדן מיט דער שפּראַך פֿון אונדזערע היינטיקע פּראָבלעמען און קאָן אונדז העלפֿן זיי באַנעמען און לייזן. דאָס שרייבן וועגן די ימים טובים און זייער אַקטואַליטעט אין אונדזער היינטיקער עקזיסטענץ איז אויסן געווען אונדז צו לערנען ווי אַזוי מען דאַרף פֿאַרקניפּן דעם אַמאָל מיט דעם היינט און ווי אַזוי מען דאַרף און מען קאָן אין די אַלטע קרוגן אַריינגיסן נייעם וויין. דאָס איז אייגנטלעך די גרונטיקע אידעע פֿון אינטעגראַלער יידישקייט און די דאָזיקע אידעע האָט שטאַרקמאַן געזוכט צו פֿאַרווירקלעכן מיט זיין שרייבערישער מי וואָס איז געווען אַ זייער אָנזעעוודיקע.

כ'וויל האָפֿן אַז מיר וועלן גרייכן צו דער צונויפֿזאַמלונג פֿון כאָטש נאָך איין באַנד פֿון משה שטאַרקמאַנס איבערגעבליבענע שריפֿטן. אין דעם דאָזיקן באַנד וועלן דאַרפֿן פֿאַרנעמען אַן אויבן־אָרט (נעבן זיינע יום־טוב מאמרים) די אַרבעטן וועגן פֿאַרשיידענע דאַטעס אין דער נייער יידישער געשיכטע. דאָ זענען די דאַטעס וועגן דעם אויפֿקום פֿון די מאָדערנע יידיש־וועלטלעכע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען, ווי אויך וועגן דעם

*) משה שטאַרקמאַן: „געקליבענע שריפֿטן". אַרויסגעגעבן דורך אַ געזעלשאַפֿטלעכן קאָמיטעט און דער משפּחה. צוזאַמענגעשטעלט: מרדכי חלמיש און יצחק יאַנאַסאָוויטש. תּל־אביב, תשל"ט־1979.

אויפקום פון קולטור־פאזיציעס וואס האבן זיך אנטוויקלט און זענען געווארן וויכטיקע אינסטרומענטן פאר דעם יידישן זיין, פאר דעם יידישן לעבנס־קאמף און פאר דער יידישער גייסט־שעפערישקייט אין דער נייער צייט. די דאזיקע ארטיקלען און מאמרים וואס האבן ליידער נישט געקענט אריין אין דעם ערשטן פאסט־מארטעם באנד פון זיינע שריפטן, וועלן אונדז ווייזן דאס אידעישע געשטאלט פון משה שטארקמאן, וועלכער איז מיט זיין שרייבן עפעס אויסן געווען און האט אין זיין געהאט די פראבלעמען מיט וועלכע עס איז אונדזער דור באשערט זיך צו ראנגלען ווי יעקב האט זיך געראנגלט מיטן מלאך ביז ער איז אים בייגעקומען. ליידער מוז מען זאגן, אז אונדזער דור האט דעם מלאך נאך נישט בייגעקומען, כאטש ער איז פון דעם דאזיקן געראנגל שוין ארויס א טיילווייזער בעל־מום. אבער דאס איז, זעט אויס, שוין אונדזער גורל און עס האט גאר נישט צו משה שטארקמאנס גוטע כוונות, פונקט ווי עס האט ניט צו די גוטע כוונות פון א סך אנדערע אנשי מחשבה ביי אונדז.

* * * * *

דאך — כאטש עס איז אמת אז פון משה שטארקמאנס פארבליבענע שריפטן זענען מער געבליבן אין דרויסן, ווי עס זענען אריין אין דעם דאזיקן ערשטן בוך זיינעם, טאר מען אבער נישט פארזען די וויכטיקייט פון דעם וואס איז יא אריין אין דער דאזיקער אויסגאבע און וואס גיט אונדז נישט בלויז א וויכטיקן צושטייער צו א ריי געביטן פון דער יידישער מחשבה, ליטעראטור און געשיכטע, נאר ווייזט אויך וואס אזוינס משה שטארקמאן האט אויף די דאזיקע געביטן דערגרייכט, נאך דעם ווי מיר האבן אריינגעשטעלט, ווי ער אליין דריקט זיך אפט מאל אויס, זיין בוך אין אונדזערע ספרים אלמער אויף א בכבודיקער פאזיציע...

דאס בוך איז געטיילט געווארן אין 3 טיילן און יעדער טייל צייכנט זיך אויס מיט זיין וויכטיקייט פאר משה שטארקמאנס שרייבערישער, פארשערישער און אפילו פובליציסטישער פאזיציע אין דער יידישער ליטעראטור. עס איז פארשטענדלעך אז די ארבעטן וועגן דער געשיכטע פון יידיש און העברעיש אויף דעם באדן פון דער נייער וועלט, האט א גרויסע באדייטונג פאר דער אלגעמיינער יידישער קולטור־געשיכטע. און הגם עס איז פאר אונדז קלאר אז שטארקמאן האט אין זיינע פארשונגען בלויז סיסטעמאטיזירט א גרויסע צאל באוווסטע פאקטן און זיי אינטערפרעטירט אין דער ראם פון דער צייט צו וועלכער זיי געהערן, דארף דאס אבער נישט ברענגען צו דעם אז עמיצער זאל פרווון מינימיזירן די דאזיקע מי און דעם דאזיקן אויפטו. עס זענען פאראן היסטאריקער וואס געפינען אויס אומבאקאנטע היסטארישע דאקומענטן וועלכע ווארפן א שיין אויף זייער עפאכע און ברענגען דערצו אז מען זאל זי זען אין א ניי ליכט. פאר משה שטארקמן איז נישט געשטאנען די דאזיקע אויפגאבע און עס זענען צו איר נישט געווען קיין שום מעגלעכקייטן.

עס זענען אוועק קוים 70־80 יאר זינט דעם אנהייב פון דער יידישער פרעסע אין אמעריקע און אפילו איר פרעהיסטאריע איז נישט עלטער פון הונדערט יאר. משה שטארקמאן האט נישט געמאכט קיין אנטדעקונגען, ער האט אבער פארפיקסירט אלע באוווסטע פאקטן און האט זיי אונדז געגעבן אין אזא סדר און אין אזא ליכט, אז ער האט ממש געשאפן א האנט־בוך פאר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור און פרעסע אין אמעריקע. ווער עס וועט וועלן פולער מאכן דאס בילד און עס אויספילן מיט נייע ביז איצט אומבאקאנטע פרטים, וועט נישט מוזן אנהייבן פון בראשית: ער וועט מיט שטארקמאנס פארשונגען אויפשטייגן אויף א הויכן שטאפל און פון דארט וועט ער קענען גיין ווייטער.

דער צווייטער אפטייל אין דעם דאזיקן בוך איז דער גרעסטער און ער איז געווידמעט אי שרייבער און אי ווערק וואס זייער פאזיציע אין דער יידישער ליטעראטור איז א פעסטגעשטעלטע. אויך אין זיין ליטעראטור־קריטיק איז פאראן א היפשער שפור פון דעם היסטארישן פארשער, אבער אויך פון דעם פובליציסט וואס וויל תמיד אונטערשטרייכן זיין באציונג צו דער יידישער אקטועלער פראבלעמאטיק. משה שטארקמאנס ליטערא־

טור־קריטיק פאַרנעמט זיך קודם כל מיט די פּראָבלעמען פון יידישן לעבן אַזוי ווי זיי ווערן באַהאַנדלט אין דעם געגעבענעם ליטעראַרישן ווערק. עס איז קלאָר אַז ער זוכט ביי די שרייבערס און ביי זייערע ווערק דאָס וואָס זיי האָבן צו זאָגן דער צייט און אויף וויפל זיי בויען זיך אַריין אין דעם גייסט־היכל פון דער יידישער אומה. אַוודאי זוכט ער און געפינט ביי די שרייבערס און אין זייערע ווערק ליטעראַרישע קוואַליטעטן און קינסטלערישע וואַלאָרן, אָבער דאָס טוט ער מיט אַ מין זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט וואָס באַווייזט אַז דער סאַמע עיקר אין דער ליטעראַרישער שאַפונג איז ביי אים איר אַפּיל, איר מעסעדזש, אָדער ווי מען האָט עס אַמאָל גערופן: איר מאָראַלישער, נאַציאָנאַלער אָדער סאָציאַלער מאי קא משמע לן.

דער ווילן צונויפצוברענגען אונטער איין דאַך די שעפער פון דער אַלטער און נייער יידישקייט קומט בולט צום אויסדרוק אין דעם דריטן אָפּטייל פון דעם בוך „געקליבענע שריפטן"; אין דעם אָפּטייל וואָס טראָגט דעם נאָמען אַנשי־שם. אין דעם דאָזיקן אָפּטייל, וואָס האָט אַ גרויסן ווערט אַליין און פאַר זיך, ווייל מיר געפינען דאָ באַלערנדיקע אינפאָרמאַציעס און אינטערעסאַנטע באַלויכטונגען וועגן דעם לעבן און דער טעטיקייט פון אַ ריי גרויסע פערזענלעכקייטן וועלכע האָבן מיט זייער גייסטיקער ענערגיע באַווירקט און עפורעמט דאָס יידישע לעבן אין משך פון דורות, האָבן מיר אָבער אויך דעם פולן אויסדרוק פון משה שטאַרקמאַנס באַגער צו דער דאָזיקער יידישקייט וואָס איז פול מיט פאַרשיידנאַרטיקע ווערטן, וואָס טראָגן מיט זיך אַריין אין דעם בילד פון יידישקייט נישט בלויז אַ ריי אינטערעסאַנטע ניואַנסן, נייערט אפילו אויך סתירות — אויב מען זאָל זיי זען בלויז אויבנאויפיק און זיך אין זיי נישט פאַרטיפן ווי געהעריק.

די גרויסע מעלה פון משה שטאַרקמאַנס אַרבעטן וועגן די אַנשי־שם איז דאָס וואָס ער רעגט אונדז אָן זיך צו פאַרטיפן און נעענטער צו באַקענען מיט די דאָזיקע פערזענלעכקייטן און זייער אויפטוען פאַר אונדזערע דברי הימים.

דאָס איז אויך די גרויסע מעלה פון משה שטאַרקמאַנס אַלע אַנדערע אַרבעטן אויף וואָס פאַר אַ געביט עס זאָל נישט זיין. אין זיינע שריפטן קריגן מיר סאָלידע אינפאָרמאַציע וועגן פאַרשיידענע אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע ענינים און מיר קריגן אויך אַ ווילן מיט די דאָזיקע ענינים זיך נעענטער צו באַקענען און אין זיי זיך צו פאַרטיפן. משה שטאַרקמאַן איז אַליין געווען אַ למדן און ער האָט אין זיינע לייענערס אויפגעוועקט אַ באַדאַרף צו לערנען, איבערהויפט אַ ווילן צו לערנען די תורה פון יידישקייט, דיי תורה פון אינטעגראַלן יידישן לעבן.

(פאָלק, וועלט און מדינה)

## אָפּדאַנק ווערטער
## פון קניה פרידמאַן

מיר ווילן דערמיט אויסדריקן אונדזער טיפן דאַנק דעם יעקב פרידמאַן בוך־קאָמיטעט און באַזונדערס דעם פאָרזיצער אַלעקס ראָבין, פאַר דער אַנטשיידנדיקער הילף צום אַרויסגעבן דאָס בוך קורצע דערציילונגען, „געזעצן אויף אַ וויל", פון דיכטער יעקב פרידמאַן ז"ל.

אַ האַרציקן יישר כוח אייך!

**די חסידים פון דיכטער**
**און די משפחה**

**וועגן אַלע רעדאַקציע ענינים פון „חשבון"**
**זיך ווענדן צו:**

**SOL SCHLOSSER**

1108 South Clark Drive — Los Angeles, Calif. 90035